LIT. 5173



רוססלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבייטערפּאַרטיי,

דער אַללג. אידישער אַרבייטערבונד אין ליטאָ, פּוילען און רוססלאַנד.

## צו אַלע אידישע אַרבייטער און אַרבייטערינען!

דעם 6-טען און 7-טען אַפּריל איז אין קישינעוו פֿאָרגעקומען אַ פּאָגראָם! אַ באַנדע קריסטען איז אָנגעפֿאַלען אויף די אידישע איינוואָהנער, מיט די גרעסטע אכזריות האָבען זיי חרב געמאַכט די אידישע הייזער, געשעפֿטען, בתי-מדרשים און אונגליקליך געמאַכט אַ גרויסע צאָהל אידישע פֿאַמיליעס. ביז 41 *) מענשען זיינען געפֿאַלען טויטע אונטער די הענד פֿון דער ווילדער מאַכט!

דער קישינעווער פּאָגראָם איז אַ שרעקליכער, אַ טרויעריגער פֿאַקט אין דעם XX יאָהרהונדערט, אין דעם יאָהרהונדערט, אין וועלכען די מענשהייט שטאָלצירט מיט איהר ציוויליזאַציאָן, מיט איהרע פֿאָרשריטען, מיט איהרע בילדונג און קולטור! אָבער ווי טיף דער פֿאַקט זאָל ניט בעריהרען אונזערע ריין מענשליכע געפֿיהלען, דאָך דאַרפֿען זיינע שרעקליכע פֿאַרבען, דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט, דאָס גאַנצע טרויעריגע בילד פֿון דעם פּאָגראָם ניט פֿאַרבלענדען אונזערע אויגען, ניט פֿאַרדונקלען אונזער פֿערשטאַנד, ניט פֿאַרשטעלען פֿאַר אונז דעם אינערליכען גרונד, די טיפֿע אמת'ע אורזאַכען, וועלכע האָבען אַרויסגערופֿען דיזען פֿאַקט, וועלכע רופֿען אַרויס טויזענד אַנדערע אַזעלכע טרויעריגע פֿאַקטען.

דער אַנטיסעמיטיזמוס, די פֿיינדשאַפֿט צו אידען, וועלכע דריקט זיך אויס פֿון צייט צו צייט אין אידישע פּאָגראָמען, איז נור איין מין, איין אַרט פֿון דעם האַס, וועלכער עקסיסטירט בכלל צווישען פֿאַרשיידענע נאַציאָנען. נאָר דיזע פֿיינדשאַפֿט ליגט ניט אין דער נאַטור פֿון מענשען, נאָר זי שפּראָצט און בליהט אויף נור ביי געוויסע געזעלשאַפֿטליכע בעדינגונגען זאָ גלייך ווי געוויסע בעדינגונגען וועלען איהר פֿערניכטען. אים קאַמפּף פֿאַר דער עקסיסטענץ, קומט אויס פֿאַרשיידענע גרופּען מענשען צו פֿיהרען אַ קאָנקורענץ צווישען זיך, און דאָס באַשאַפֿט אַ פֿיינדשאַפֿט צווישען די, וואָס קאָנקורירען איינע מיט די אַנדערע. ווען

*) גע'הרג'עטע, ווי עס איז בעקאַנט, איז דאָ פֿיל מעהר; דער אויפֿרוף איז געווען געשריבען נאָך דאַן, ווען עס איז ניט געווען בעקאַנט די גאַנצע גרויס פֿון פּאָגראָם. די רעדאַקציע.

# 44 Proclamation of the Jewish Labor Bund

The Russian Social Democratic Workers' Party
The General Jewish Workers' Bund in Lithuania, Poland and Russia

## To All Jewish Workers Male and Female!

On the sixth and seventh of April a pogrom took place in Kishinev! A band of Christians attacked the Jewish townspeople and with the greatest cruelty they destroyed Jewish homes, stores, study houses and brought to ruin a large number of Jewish families. Up to forty-one people° were felled at the hands of this wild force!

The Kishinev pogrom is a terrible and tragic fact in the twentieth century, that century in which humanity boasts of its civilization, its progress, its education and culture. But however deeply this fact may touch our human feelings, the spilled blood and the whole tragic picture of the pogrom must not be allowed to dim our vision, or blur our understanding, or obstruct the essential and profound factors that brought this fact about, and that bring about thousands of other such tragic facts.

Anti-Semitism, the hatred of Jews that finds occasional expression in pogroms, is only one kind or species of the hatred that generally exists between different nations. This hatred, however, does not lie in the nature of people; as surely as it blossoms only under specific social conditions, so will other conditions destroy it. In the struggle for existence, it often happens that different groups are thrust into competition with one another, and this is what gives rise to the hatred between

*°The casualty figure, as is well known, was higher. The proclamation was written when the full extent of the pogrom was not yet known. [Editorial note in the original.]*

מיט וואָס קענען מיר פֿערניכטען די אורזאַכען, וועלכע רופֿען אַרויס
דעם נאַציאָנאַלען האַס, דעם אַנטיסעמיטיזמוס, די פּאָגראָמען און וואָס
האָבען מיר צו טהאָן, ווען די פּאָגראָמען קומען פֿאָר?

די אידישע „פֿאָלקספֿריינד" פֿאַרגיסען טייכען טרערען איבער דאָס
נייע אידישע אונגליק, דער „פֿריינד" ברעכט אין פֿערצווייפֿלונג די
הענד, די „אידישע פֿאָלקסציימונג" זאָגט, אַז מיר דאַרפֿען זיין שטילער
פֿון וואַסער, נידריגער פֿון גראָז, „שלאַף איז אונזער האַנד צו שטריי-
טען, שטאַרק און שווער איז אונזער שמערץ" — קלאָגט דער ציוניס-
טישער פּאָעט.

אזוי רעדען קענען נאָר שקלאַפֿען, מענשען, וועלכע זיינען גע-
וואוינט געהאָרכזאַם אַריבערצוטראָגען אַלע גוואַלדטהאַטען, וועלכע
גלויבען ניט אין זייערע אייגענע קרעפֿטען און וואַרטען שטענדיג, אַז
די ישועה זאָל צו זיי קומען פֿון דער זייט, פֿון גאָט, פֿון לייטען, פֿון
דער רעגירונג.

ניט אַזוי מיינען און דענקען מיר, אידישע אַרבייטער. דער קאַמפּף,
וועלכען מיר פֿיהרען שוין יאָהרענלאַנג, האָט אונז איבערציינט, אַז נור
אין אונז אַליין ליגט אונזער הילף; אונזער איינינקייט האָט פֿאַרגרעסערט
אונזערע קרעפֿטען, אונזער סאָלידאַריטעט און פֿערטיגקייט יעדע מינוט
צו בעשיצען אונזערע רעכטע וואַרפֿען אַ שרעק אויף אונזערע פֿיינד.

אין קישינעווער פּאָגראָם האָבען אַנטייל גענומען אומוויסענדע, פֿינס-
טערע, צערייצטע מאַסען. דער פֿערשטענדליכער קלאַסענבעוואוסטער
קריסטליכער אַרבייטער איז אונזער חבר, שטרייט צוזאַמען מיט אונז
אונטער איין פֿאָהן, אונטער דער פֿאָהן פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלען
סאָציאַליזמוס. פֿערשפּרייטען דעם קלאַסענבעוואוסטזיין, מיטהעלפֿען דעם
וואוקס פֿון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, וועלכע וועט פֿערניכטען
די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג — דאָס איז דער איינציגסטער און
דער בעסטער מיטעל אַ סוף צו מאַכען מיט דעם אַנטיסעמיטיזמוס, מיט
די פּאָגראָמען.

נאָר וואָס זאָלען מיר טהאָן בעת די פּאָגראָמען גופא?

מיט געוואַלט דאַרפֿען מיר ענטפֿערן אויף געוואַלט, פֿון וואַנענט
ער זאָל ניט שטאַמען. ניט מיט מוסר, נאָר מיט געוועהר אין האַנד קען
מען ווירקען אויף די ווילדע פּאָגראָמשטשיקעס: ניט אויף די בוידעמס
דאַרפֿען מיר זיך בעהאַלטען, נאָר פּנים אל פּנים, ביד חזקה, דאַרפֿען
מיר אַרויסטרעטען געגען אַזוינע ווילדע חיות.

זאָל זשע דער קישינעווער פּאָגראָם ניט אָבשוואַכען ביי אונז דעם
גלויבען אין אונזער הייליגען אידעאַל. מיט שנאה, מיט אַ דרייפֿאַכע
קללה זאָלען מיר וועבען תכריכים פֿאַר דער רוסישער זעלבסטהערישע-
ר רעגירונג, פֿאַר דער אַנטיסעמיטישער שווינדלער-באַנדע, פֿאַר דעם
גאַנצען קאַפּיטאַליזמוס. זאָל וואַקסען די צאָהל בעוואוסטזיניגע אַקטיווע
קעמפּפֿער פֿאַר דעם סאָציאַליזמוס, זאָל וואַקסען וואָס ווייטער די סאָלי-
דאַריטעט מיט אונזערע ברידער-אַרבייטער פֿון אַנדערע נאַציאָנען!

נידער מיט דעם אַנטיסעמיטיזמוס!
נידער מיט דעם צאַריזמוס!
עס לעבע די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט!
עס לעבע דער סאָציאַליזמוס!

צ. ק. פֿון „בונד".

אַפּריל 1903 יאָהר.

דרוקעריי פֿון „בונד".

How can we overcome the causes that bring about national hatred, anti-Semitism and pogroms, and what can we do when pogroms break out?

The so-called "Friends of the Jewish People" spill rivers of tears over the new Jewish calamity: the [St. Petersburg daily] *Fraynd* [Friend] wrings its hands in despair; the [Warsaw weekly] *Yidishe Folkstsaytung* [Jewish People's Paper] instructs us to be as still as the waters, as low as the grass, while the Zionist poet [S. Frug] laments, "How weak is our hand to do battle, how great and heavy is our woe."°

Only slaves can talk this way, people who are accustomed to enduring all acts of violence submissively, who don't believe in their own powers and who always await salvation from other quarters—from God, from friends, from the government.

This is not the way we, Jewish workers, think. The struggle that we've been waging for so many years has convinced us that help lies in us alone. Our unity has increased our power; our solidarity and readiness to protect our interests at all times have instilled fear in our enemies.

Ignorant, debased and enraged masses took part in the Kishinev pogrom. The intelligent, class-conscious Christian worker is our comrade; he fights together with us under a single flag, under the flag of international socialism. Spreading class consciousness, aiding the growth of the socialist movement that will destroy the whole capitalist order—this is the best and only way to bring an end to anti-Semitism and the pogroms.

What, then, should we do during the pogroms themselves?

We must answer violence with violence, no matter where it comes from. Not with sweet words but with arms in our hands can we prevail upon the frenzied pogromists. We mustn't hide in attics but must go out face to face, "with a mighty arm,"° to fight these beasts.

Let not the Kishinev pogrom weaken our faith in our sacred ideal. With hatred and with a threefold curse on our lips let us sew the shrouds for the Russian autocratic regime, for the anti-Semitic band of swindlers, for the whole capitalist system. May the number of conscious and active fighters for socialism keep growing; may the solidarity with our fellow workers of other nations keep on growing!

Down with anti-Semitism!
Down with Tsardom!
Long live international proletarian solidarity!
Long live socialism!

Central Committee of the Bund
April 1903

13. ווארשע, געטאָ, דעם 30־טן אָקטאָבער 1942

## באַקאַנטמאַכונג פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע וועגן אויספירן אַ טויט־אורטייל איבערן פאַרעטער לייקין

דערמיט גיבן מיר איבער אין דער עפנטלעכקייט די ידיעה, אַז אין רעזולטאַט פון אוועקשטעלן אין אַ באַשולדיקונגס־צושטאַנד די לייטער, אָפיצירן און פונקציאָנערן פון דער יידישער אָרדענונגס־דינסט אין ווארשע, וועגן וואָס עס האָט מיטגעטיילט די באַקאַנטמאַכונג פון 17־טן אויגוסט, איז דער אורטייל איבער לייקין יאַקוב, דעם שטעלפאַרטרעטער פון דעם לייטער פון דער אָרדענונגס־דינסט, געוואָרן אויסגעפירט דעם 29־טן אָקטאָבער 6 אַ זייגער מיט 10 מינוט אין אָוונט.

ווייטערדיקע רעפּרעסיע־מיטלען וועלן ווערן אָנגעווענדט מיט דער פולער האַרבקייט.

איינצייטיק גיבן מיר אויך צו וויסן דער עפנטלעכקייט, אַז עס זענען געשטעלט געוואָרן אין באַשולדיקונגס־צושטאַנד:

1) דער יודענראַט אין ווארשע און זיין פּרעזידיום.

2) די לייטער פון די שאָפּן און די אַדמיניסטראַציע אין די שאָפּן, וועלכע נוצן אויס און אונטערדריקן די אַרבעטער.

3) די גרופּן־פירער און פונקציאָנערן פון דער ווערקשוץ, פאַרן בעסטיאַלישן פייניקן די אַרבעטער און די „אומלעגאַלע" יידישע באַפעלקערונג.

די רעפּרעסיע־שריט וועלן ווערן אָנגעווענדט מיט דער פולער האַרבקייט.

אַרכ. פון ייד. היסט. אינסטיטוט,
רינגעלבלום־אַרכ. II.
איבערזעצט פון פויליש.

---

8 קריפּטאָנים פון אַן אויספירער פון א. ק.

THREE COMMUNIQUÉS OF
THE JEWISH COMBAT ORGANIZATION

This is to inform the public that after the Jewish police in Warsaw, its officers and men, were found guilty, as reported in a communiqué on August 17, the sentence against Jacob Lejkin, assistant Jewish police chief, was carried out on October 29, at 6:10 p.m.

Further reprisals will be taken, with the full strictness of law.

Also, this is to inform the public that the following were found guilty:

(1) The Judenrat in Warsaw and its leadership for cooperation with the occupier and for signing the deportation order.[11]

(2) The managers of the factory shops and their officials who oppress and exploit the workers.

(3) Squad leaders and officials of the Werkschutz for their cruel treatment of the workers and the Jewish population without appropriate work permits.

Reprisals will be taken, with the full strictness of law.

Warsaw: October 30, 1942

18. ווארשע, געטאָ, דעם 4־טן דעצעמבער 1942

## אויפרוף פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע

די אומזיכערקייט מיטן מאָרגנדיקן טאָג פאַרסמט יעדע מינוט פון דעם ביטערן שקלאַפן־לעבן פון דעם יידישן ישוב אין ווארשע. יעדער טאָג ברענגט מיט זיך פאַרשידענע „זיכערע" ידיעות, פּלאָטקעס, קלאַנגען, טערמינען בנוגע דעם גורל פון ווארשעווער געטאָ. מען „גיט" אונדז צוויי וואָכן,

Uncertainty about the next day poisons every moment of the bitter slave existence of the Jewish community in Warsaw. Every day brings various "sure" news, gossip, rumors, deadlines affecting the fate of the Warsaw ghetto. We are being "granted" two weeks, three weeks, three months, four months, to live. Our quivering nerves tremble; our spent spirits see-saw between hope and resigned despair.

דריי וואָכן, דריי חדשים, פיר חדשים, צום לעבן. עס צאַפּלען די צעררודערטע נערוון, עס פיבערט דער אויסגעמאַטערטער געמיט צווישן האָפענונג און רעזיגנירטער פאַרצווייפלונג.

צי האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געלערנט פון דער שרעקלעכער דערפאַרונג? צי וועלן מיר זיך נאָך אַלץ לאָזן איינוויגן פון אַ גוט וואָרט פון דעם אָדער יענעם דייטשישן מערדער, פון דער אָדער יענער קאַטשקע,° וועלכע ווערט פאַרשפּרייט דורך יידישע געסטאַפּאָווצעס, פאַרקויפטע פאַררעטער אָדער דורך לייכטגלויביקע מענטשן?

עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז דער היטלעריזם האָט זיך געשטעלט אַ ציל צו פאַרניכטן אַלע יידן. ער מאַכט עס נאָר בהדרגהדיק, עטאַפּנווייז. דערביי איז דער הויפּטציל פון זיין טאַקטיק: אָפּנאַרן, אַריינגאַרן די יידישע מאַסע. ער שניידט זיך טיף אַריין מיט דעם חלף אין האַלדז פון זיין קרבן און... וואַרפט צו דערווייל אַ ביינדל דעם נאָענטסטן קרבן, פאַרן נעמען צו דער שחיטה.

דעריבער לאָמיר קוקן מיט אָפענע אויגן, מוטיק דעם אמת אין די אויגן אַריין.

מיר גלייבן נישט קיין שום „סטאַביליזיר־אַקציע" 1).

מיר געדענקען אַלע ליגנס, אָנהייבנדיק פון דער „אויסזידלונג אויפן מזרח", ענדיקנדיק מיט די נומערלעך, מאַסן־לעגיטימאַציעס, סעלעקציעס און רעגיסטראַציעס.

מיר ווייסן אַלע דעם אמת וועגן דעם גיגאַנטישן שעכטהויז אין טרעבלינקע, וווּ עס זענען אַזוי אומטענטשלעך, אַזוי ראַפינירט־בעסטיאַליש אומגעבראַכט געוואָרן הונדערטער טויזנטער טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, זין און טעכטער.

דעריבער גלייבן מיר נישט אויף קיין אין מינוט דער „נייער" פאַראָרדענונג וועגן שאַפן יידישע געטאָס — דאָס איז אַ פּולאַפּקע,° וווּ עס קאָן יעדע רגע צוגעקלאַפּט ווערן דאָס טירל אויפן שוועל פון לעבן און טויט 2.

דער „אומשלאַג" איז ליקווידירט געוואָרן, די „אומלעגאַלע" יידן ווערן אַמנעסטירט, מען נייט „באַשעפטיקן"

---

1 דער ס.ס.־ און פּאָליציי־פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט ד"ר זאַמערן־פראַנקענעג און דער נאַציאָנאַלער געבאַיקאָמיסאַר אוערסוואַלד האָבן דערקלערט אַ דעלעגאַציע פונעם יודענראַט, אַז עס האָט שוין זיין רואיק, אַז די לאַגע פון געטאָ איז סטאַביליזירט און די יידן דאַרפן גוט אַרבעטן.

2 דאָס איז געווען אַ דייטשישע פאַראָרדענונג — צו שאַפן עטלעכע נייע געטאָס.

Have we still learned nothing from our dreadful experience? Will we still allow ourselves to be lulled by good words from one or another German murderer, by one or another lie spread by Jewish Gestapo agents, venal traitors or trusting souls?

Without doubt Hitlerism aims to destroy all Jews. But it is done gradually, in stages. The chief aim of its tactics is to fool and trap the Jewish populace. Hitlerism plunges the knife deep into its victim's throat and meanwhile throws a bone to the next victim before slaughtering him.

Let us therefore bravely look the truth straight in the face.

We do not believe in any "stabilization action." [12]

We remember all the lies, starting with "resettlement to the East," and ending with the numbers, mass permits, selections, and registrations.

We all know the truth about the gigantic slaughterhouse in Treblinka, where hundreds of thousands of our fathers and mothers, brothers and sisters, sons and daughters were so inhumanly murdered with bestial sophistication.

Therefore we don't believe at all in the "new" decree about creating [new] Jewish ghettos. This is a trap in which at any moment the door between life and death can be slammed shut.

The *Umschlag* [13] has been liquidated, the "illegal Jews" [14] have been given amnesty, all Jews will be "employed" and "provisioned"—what cynical mockery! The murderer plays a while with

12. Van Sammern-Frankenegg and Auerswald had "guaranteed" a delegation of the Judenrat that the situation in the ghetto was stabilized, that no harm would came to the Jews if they continued to work industriously.

13. Called the *Umschlagplatz*, a square near a railroad siding at the outskirts of the ghetto, where the Jews were assembled and loaded on freight trains going to Treblinka.

14. Those who did not have permits identifying them as workers in one of the German enterprises. To avoid "resettlement," they hid in bunkers during the roundups.

און „באַשפּייזן" אַלע יידן — וואָס פאַרא ציניִשער חוזק. דער מערדער שפּילט זיך נאָך א ביסל מיטן שוצלאָזן קרבן, איידער ער לאָזט אַראָפּ אויף זיין קאָפּ די פאַרבלוטיקטע האַק.

יידן, בירגער פון וואַרשעווער געטאָ, זייט וואַך, גלייבט נישט קיין איין וואָרט, קיין איין טאַט פון די עס־עס־באַנדיטן. די טויט־געפאַר לויערט. געדענקט די לעצטע „אַקציע" — דאָס כאַפּן „אויף אַרבעט" קיין לובלין. מען האָט געדאַרפט „שניידער" און געכאַפּט האָט מען אַלטע לייט, קינדער. מען האָט געכאַפּט מענטשן צו „אַרבעט" און גענומען האָט מען זיי ווי זיי שטייען און גייען, הויל און נאַקעט. און עס חזרט זיך ווידער איבער די אַלטע מעשה — עס קומען אָן גרוסן, (בריוו) אז מען האָט זיי ווירקלעך געשיקט קיין לובלין. מיר דערמאַנען די „בריוו", די „זיכערע" גרוסן פון בריסק, מינסק, ביאַליסטאָק — וועלכע זענען געמאַכט פון די דייטשן. מיר דערמאַנען, אַז אין לובלינער קאַנט געפינט זיך בעלזשעץ, וווּ עס זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן צענדליקער טויזנטער יידן לויטן נוסח טרעבלינקע.

לאָמיר זיך נישט נאַרן.

די לובלינער „אַקציע" פון 10־טן און 11־טן נאָוועמבער לערנט נאָך עפּעס.

ווידער האָבן די דייטשן געפונען העלפער און מיטרתים אין דער יידישער געזעלשאַפט גופא. ווידער האָבן זיי געפונען מנוולים, וועלכע האָבן מיט אייגענע הענט אויסגעליפערט זייערע ברידער צו דער שחיטה, כדי צו קאָנען פאַר דעם פּרייז ראַטעווען זייער פאַרשטונקען, פאַרשפּיגענעם לעבן. די גאַנגרענע, וואָס די יידישע פּאָליציי און די גמינע־לייט האָבן פאַרשפּרייט אין וואַרשע, האָט אָנגעשטעקט די קרייזן פון די שאָפּ־דירעקציעס, וווּ עס זיצן אָפט די נידערטרעכטיקסטע אויסוואָרפן, גרייט אויף יעדער נבלה.

גלייבט נישט די יידישע מאַכערס, די פירערס פון די שאָפּן, די מייסטערס — דאָס זענען אייערע שונאים, לאָזט אייך נישט נאַרן דורך זיי.

רעדט אייך נישט איין און לאָזט אייך נישט איינרעדן, אַז די בעסערע פאַכלייט, די עלטערע אַרבעטער, וואָס האָבן נומערלעך, זענען זיכער און דעריבער זאָל מען אויסליפערן די שוואַכערע, די שוצלאָזע.

אַלע זענען באַדראָט.

---

[3] דער יודענראַט.

זאָל קיינער נישט וואַגן צולייגן א האַנט, נישט העלפן — אַקטיוו אָדער פּאַסיוו — אויסצוליפערן אין די הענט פון תליון זיין ברודער, זיין חבר, זיין שכן, זיין מיטאַרבעטער.

לאָמיר נישט זיין ווי א הויפן מיסט, ווי ווערים, פּנים אל פּנים מיטן אומקום. העלפט איינער דעם צווייטן.

the defenseless victim before bringing down the bloodied axe on his head.

Jews, citizens of the Warsaw ghetto, be alert, do not believe a single word or act of the SS bandits. Deathly danger threatens. Remember the last "action"—seizing Jews to send them "for work" to Lublin. They needed "tailors," but seized old people, children. People were seized for "work," and taken away just as they were, in their bare rags. The old story repeats itself once again: messages arrive and letters saying that they were indeed sent to Lublin. We remind you of the "letters," the "reliable" messages from Brest-Litovsk, Minsk, Bialystok, which the Germans fabricated. We remind you that Bełżec is located in the Lublin district, where tens of thousands of Jews have been murdered according to the Treblinka method.

Let's not fool ourselves.

The Lublin "action" of November 10 and 11 teaches us also something else.

Once more the Germans have found helpers and agents among the Jews themselves. Once again they have found scoundrels who have, with their own hands, delivered their brothers to the slaughter, the price for saving their own vile, despicable lives. The gangrene which the Jewish police and Judenrat members has let loose in Warsaw has infected the circles of the workshop managements, often run by the meanest scoundrels, ready for any infamy.

Do not believe the Jewish "big wheels," the directors of the workshops, the foremen—they are your enemies. Do not let yourselves be fooled by them.

Do not delude yourselves, and do not let yourselves be deluded, that the better craftsmen, the senior workers who have numbered tickets, are safe, and so let the weaker ones, the unprotected be delivered [to the Germans].

All are endangered.

Let nobody dare lend a hand, nor help—actively or passively—to deliver into the hands of the executioner his brother, his comrade, his neighbor, or his coworker.

Let us not act like scum, like vermin, in the face of destruction. Help one another.

The vile traitors who help the enemy must be spewed out of our camp.

Do not let yourselves be destroyed like sheep.

די געמיינע פארעטער, וועלכע העלפן דעם שונא, מוזן
אויסגעשפיגן ווערן פון דער מחנה.
לאָזט אייך נישט אומברענגען ווי שאָף.
גרייט זיך צו פארטיידיקן אייער לעבן.
געדענקט, אז אויך איר — די ציווילע יידישע באפעל־
קערונג — געפינט זיך אויפן פראָנט פון קאמף פאר פריי־
הייט און מענטשלעכקייט.
דער שונא איז שוין שווער פארוואונדעט. לאָמיר מוטיק
און ווירדיק פארטיידיקן אונדזער כבוד.
זאָל לעבן די פרייהייט!

ארכ. יוד. היסט. אינסט., רינגעלבלום־ארכ. II.

Prepare yourselves to defend your lives.

Remember that also you—the civilian Jewish population—are at the front in the fight for freedom and humanity.

The enemy has already been severely hurt. Let us bravely and nobly defend our honor.

Long live freedom!

December 4, 1942

### WARNING

The passive and active resistance of the Jewish masses during the memorable days of January 18–22, 1943, took the Hitler bandits by surprise and convinced them that the Jews will no longer go like sheep to the slaughter. The deportation action was marked by an interruption which was forced upon the German thugs. The bloody occupant has convinced himself that he will not wipe out the remnants of Warsaw Jewry with the means hitherto used.

But, unfortunately, the meanest scoundrels of society have come to his aid.

With their aid the occupant wishes to uncover and destroy the centers of armed resistance; they provide information about hiding places; their degenerate minds offer up to the beasts the plan of liquidating the Warsaw Jews with the method of Poniatowa or Lublin.[15]

After the shooting of the Gestapo agent Arek Weintraub on February 21, a document was found confirming that he and his "colleagues" had suggested to the Germans the plan of a "voluntary" and "peaceful" resettlement of the Jews to Poniatowa.

Shot February 22, the Gestapo agent Nossig,[16] who provided the Germans with information about Jewish bunkers in attics and cellars.

Shot February 26, the chief loader at the Umschlagplatz, Brzeziński, who behaved provocatively toward the demands of the Combat Organization, and put secret agents on the trail of its representatives.

Shot February 28, the well-known Gestapo agent Bobi Nebel, who engaged in spying on the circles of Jewish political life.

Shot February 28, the editor of the traitorous Gestapo sheet *Żagiew,* Adash Schein, who engaged in informing on and in demoralizing Jewish political life.

The Combat Organization is in possession of a complete list of all those who, remaining in the service of the Germans, have forgotten that they are Jews and human beings.

THE COMBAT ORGANIZATION WARNS ALL THESE SCOUNDRELS THAT UNLESS THEY IMMEDIATELY CEASE THEIR CONTEMPTIBLE ACTIONS, THEY WILL ALL BE SHOT!

We warn all officers and functionaries of the Jewish police not to interfere with the activity of the units of the Combat Organization. Let them also remember that no protection against the bullet of the resisters can be found with the chief executioner Brandt,[17] in concealment or in flight to the so-called Aryan side.

We warn all directors of the workshops, inside and outside the ghetto, not to agitate for nor to urge upon the workers voluntary evacuation of Jews!

The German villains will not let you alone for long. Therefore, we summon you to gather around the banners of struggle and resistance. Hide your wives and children and enlist—with whatever you can—in the struggle against the Hitlerite bandits. The Jewish Combat Organization is counting on your complete moral and material support.

Warsaw Ghetto
March 5, 1943

*High Command of the*
*Combat Organization*

15. The SS had established a labor camp at Poniatowa, a village near Lublin. "Resettlement" for work at Poniatowa was often given as the pretext for deportation to Treblinka. A similar argument was given in Lublin when the Jews there were sent to Majdanek.

16. Alfred Nossig (1864–1943), had played a leading role in the intellectual and political life of his native Lemberg (Lwów) before the First World War and also in Berlin and Vienna. When the Second World War broke out, he turned up in Warsaw as a refugee. He held various posts in the Warsaw Judenrat, but was regarded with suspicion by most of his colleagues, largely for his independent contacts with the Gestapo. Bernard Goldstein, Bundist leader, in his memoirs about the Warsaw ghetto, *The Stars Bear Witness* (New York, 1949), disclosed that the Jewish underground searched Nossig's apartment and found an identity card showing he had served the Gestapo since 1933.

17. Karl Brandt, see Section 7, footnote 36.

– In Polish; tight rhetorical structure
– binational state
– we have (finally) become Poles in baptism of blood

## FOR YOUR FREEDOM AND OURS

Warsaw Ghetto: April 23, 1943

Poles, citizens, freedom fighters!

From out of the roar of the cannon with which the German Army is battering our homes, the dwellings of our mothers, children, and wives;

From out of the reports of machine-guns which we have captured from the cowardly police and SS men;

From out of the smoke of fires and the blood of the murdered Warsaw ghetto, we—imprisoned in the ghetto—send you our heartful fraternal greetings// We know that you watch with pain and compassionate tears, with admiration and alarm, the outcome of this war which we have been waging for many days with the cruel occupant.

Let it be known that every threshold in the ghetto has been and will continue to be a fortress, that we may all perish in this struggle, but we will not surrender; that, like you, we breathe with desire for revenge for all the crimes of our common foe.

A battle is being waged for your freedom as well as ours.

For your and our human, civic, and national honor and dignity.

We shall avenge the crimes of Auschwitz, Treblinka, Bełżec, Majdaneck!

Long live the brotherhood of arms and blood of fighting Poland!

Long live freedom!

Death to the hangmen and torturers!

Long live the struggle for life and death against the occupant.

*Jewish Combat Organization*